ועד"ז אויך ריידן מיט די עלטערן וועגן דעם, און ביז מען וועט פועל'ן אז אלע אידישע קינדער וועלן קריגן א כשר'ן חינוך, און דורך דעם וועט מקויים ווערן דער "בנערנו ובזקננו נלך", אנטקעגן משיח צדקנו, ובקרוב ממש.

ח. בנוגע די הערות פון טאטן, איז אויף דער סדרה ניטא קיינע הערות, אבער עס איז דא אין די אגרות וואס ער שרייבט בנוגע צו חודש אלול, וואס יעמולט איז דער קביעות געווען ווי היינטיקן יאר אז שבת מברכים אלול איז געווען בפרשת ראה, וכדרכו אין ער מבאר די אלע ענינים על דרך הקבלה,

און ער איז מבאר אז דער ווארט "אלול" מאכט "או ל'", און איז מבאר אז דער ווארט "או" שטייט אין זוהר אז דאס גייט אויף מלכות, און איז מבאר דעם טעם בזה, ווארום דער פירוש פון "או" איז – אדער אזוי אדער אנדערש, און וואו איז שייך צו ריידן דעם ענין פון "אדער", ד.ה. באווארענען א צווייטע מציאות, איז דאס נאר שייך אין מלכות, ווארום דוקא פון מלכות הויבט זיך אן דער ענין וואס עס איז דא א צווייטע מציאות, וואס "אין מלך בלא עם" – מל' עוממות ונפרדים, משא"כ העכער פון מל', און דערנאך שרייבט ער אז "או" איז בגימט' ז', וואס דאס איז כנגד מלכות וואס איז די ספירה השביעית.

אבער לכאורה איז נאך אלץ ניט פארשטאנדיק: וואס איז די שייכות פון או צו מלכות? אויב די שייכות איז נאר מצד די גימט', וואלט מען געקענט אויסקלייבן אנדערע צוויי אותיות וואס וואלטן אויך געהאט דעם גימט' פון ז', און מצד דעם פי' פונעם ווארט "או" – אדער, איז דאס אליין אויך ניט קיין טעם מספיק, ווארום אויב די שייכות צו מלכות איז נאר מצד דעם פירוש פונעם ווארט "או", איז ניט קיין הכרח אז ס'זאל זיין די צוויי אותיות, ווארום אויב עס וואלט געווען אנדערע צוויי אותיות וואס וואלטן בעצם געהאט א שייכות צו מלכות, וואלטן זיי געהאט אין זיך דעם פירוש פון או – אדער,

ווארום עס איז ידוע וואס עס שטייט אין סעהיוה"א, אז דער פי' פון א ווארט איז תלוי אין די אותיות התיבה, ובמילא, אויב די אותיות "בה" (וואס איז בגימט' ז') וואלטן געהאט א שייכות צו מלכות, וואלט יעמולט דער פירוש פון דעם ווארט "בה" געווען ווי "או", ווארום דאס איז דער ענין פון מלכות, ובמילא מוז מען זאגן אז דאס וואס דער ווארט "או" האט א שייכות צו מלכות, איז עס ניט נאר מצד זיין פי' (וואס דאס מיינט אדער), נאר אויך מצד זיינע אותיות,

איז אויף דעם דער טאטע מבאר די שייכות פון או צו מל', אז או מאכט א' ו', וואס א' גייט אויף כתר דמלכות און ו' גייט אויף דעת דמל', ווארום דעת איז דאך דער "מפתח דכליל שית", דעריבער איז עס מרומז אין דעם אות ו', ע"כ ווי דער טאטע איז מבאר דעם ענין,

וכמדובר כמ"פ אז מצד רוב פשטות הענין האט ער ניט מבאר געווען נאך פרטים בזה, וואס מען דארף נאך אלץ האבן א ביאור, וואס איז די שייכות פון או צו כתר און דעת, און צו מל' דוקא, וכפי שיתבאר לקמן.

בנוגע



הנחת הת' בלתי מוגה

וכו׳ וכו׳, במילא האט בכלל ניט קיין ארט אזא ענין זאגן, אז עס וואוינען דארטן ניט קיין אידן,

און דאס איז נאך ערגער פון "טענו חטים והודה לו בשעורים", וואס הגם ער ענטפערט אים ניט אויף חטים און ענטפערט בנוגע צו שעורים, איז טענה׳ט ער ניט אז טענו שעורים, אבער דא וויל מען זאגן אז מען האט בכלל ניט געמאנט קיין חטים, און מ׳איז מסלף די טענה,

אבער דערביי טענה׳ם מען, אז ס׳איז דאך דא א כלל אין גמרא אז "מילתא דעבידא לגלויי לא משקרי אינשי", במילא טענה׳ן וויבאלד מען איז געגאנגען און מען האט דאס אפגעדרוקט ברבים, איז א ראי׳ אז דאס איז ניט קיין שקר,

אבער באמת׳ן איז דאס ע"ד ווי איינער איז געקומען צו מיר און האט געפרעגט, אז די גמרא זאגט אז מען קען אלץ חלום׳ען, אבער "פילא בקובא דמחטא לא חלמי אינשי", האט ער געפרעגט אז עס האט זיך אים גע׳חלום׳ט ווי א פיל איז א דורך געגאנגען א קובא פון א מחט, איז ווי שטימט דאס מיט די גמרא? האב איך אים גע-ענטפערט: די גמרא גופא באווארנט עס, ווארום די גמרא זאגט אז די חלומות קומען פון די מחשבות וואס ער טראכט בייטאג, און בדרך כלל טראכט ניט א מענטש וועגן "פילא בקובא דמחטא", איז דעריבער חלום׳ט זיך דאס ניט, אבער ביי דיר איז מסתמא געווען אז דו האסט יע געטראכט בייטאג וועגן דעם, און דעריבער האט זיך דאס דיר גע׳חלום׳ט,

ועד"ז בנדו"ד, וויבאלד עס איז דא דער כלל אז "מילתא דעבידא לגלויי לא משקרי אינשי", זיינען זיי געפאלן אויף דער המצאה, אז וויבאלד די גמרא זאגט אזא כלל, וועט ער אויסניצן דעם כלל און זאגן אלע זיינע שקרים ברבים, ואדרבה – וואס מער ס׳איז "עבידא לגלויי" וועט מען מער מיינען אז עס איז אמת,

ויהי רצון אז וויבאלד מען האלט איצטער ביי חודש אלול, וואס דאס איז דער חודש התשובה, במילא איז די אלע וואס האבן צו דעם א שייכות וועלן סוכ"ם תשובה טאן וכו׳.

ז. בנוגע די שייכות פון "או" צו כתר און מלכות, און צו חודש אלול, וועט מען דאס פארשטיין בהקדם וואס עס איז מבואר בכמה מקומות בנוגע דעם ווארט לא מיט א א׳ אדער לו מיט א ו׳, וואס אמאל איז דער קרי מיט א א׳ און דער כתיב מיט א ו׳, אדער פארקערט, ע"ד ווי "בכל צרתם לו צר", וואס עס איז ... דא אין דעם דיביידע ענינים, סיי לא מיט אן א׳ און סיי מיט א ו׳, וואס דער חילוק איז, בשעת מען רעדט דעם ענין ווי עס איז מצד כתר דעמאלט זאגט מען לא מיט אן א׳, ווארום דארטן איז בכלל ניט נוגע מקשה התחתונים, ווארום "אם חטאת מה תפעל ו", ובמילא איז "לא צר", אז לגבי כתר איז עס ניט תופס מקום, משא"כ בשעת עס שטייט מיט א ו׳, וואס ו׳ גייט אויף ז"א, וואס דארטן איז יא הופס מקום מעשה התחתונים, דעריבער זאגט מען "לו צר", אז דאס דירט יע אן למעלה,

ועד"ז "יכנם הוצרו ולו אחד בהם", וואס ס׳איז דא דער ענין פון "ולו אחד", וואס דאס איז בשעת ער טוט עבודתו בשלימות, איז

יז דעמאלט די אלע טעג האבן א שייכות צו איט, און דערנאך איז
דא דער לא מיט אן א׳, "ולא אחד בהם", וואס דאס איז בשעת ער האט נים
ממלא געווען זיינע טעג, וואס דעמאלט קען מען דאס ממלא זיין
דוקא דורך עבודת התשובה, און דאס איז מען ממשיך פון כתר דוקא,
וואס דאס איז דער ענין פון א׳, ועד"ז איז דא אין דעם ענין פון
"בית אשר לו חומה", עס איז דא דער "לו חומה" מיט א ו׳, וואס
דאס מיינט אז ער האט א חומה, און מיט א א׳ מיינט אז ער האט
נים קיין חומה, אדער אז איצטער האט ער נים קיין חומה אבער
אמאל האט ער יא געהאט, און ווי די גמרא זאגט אין מגילה,

וואס בכללות איז דאס, אז ווי עס איז מצד הכתר איז דאס
פארבונדן מיט א א׳, און ווי עס איז מצד דעת, וואס דעת איז
"מפתח דכליל שית" איז עס א ו׳, און ווי די דרגות זיינען בזה,

ועד"ז איז עס אין מלכות גופא, וואס עס איז דא ווי מל׳
איז מושרש אין רדל"א, וואס דאס איז "לא" - ווי מלכות איז אפ-
געטראגן, דערנאך איז דא מל׳ ווי עס איז מיט א ו׳ - "לו", וואס
דאס איז ווי מל" שטייט באופן של המשכה, ובאופן של מלך על העם,

און דער ענין האט א שייכות צו אלול, וואס דער ווארט
אלול האט אין זיך די צוויי ווערטער פון לו מיט א ו׳ און לא מיט
אן א׳, און דאס איז וואס אלול איז דער ממוצע צווישן דעם פאריקן
יאר און דעם קומענדיקן יאר, וואס מצד דעם פארגאנגענעם יאר, איז
באלול מאכט מען דעם חשבון צדק פון דעם עבר, וואס דאס איז דער
ענין פון ו׳, אן ענין של סדר, דערנאך איז דא וואס נאך אלול
קומט דער נייער יאר, וואס דאס הויבט זיך אן מיט ר"ה, וואס אויף
ר"ה זאגט מען "יבחר לנו את נחלתנו", אז די בחירה וואס דער
אויבערשטער קלייבט אויס אידן איז עס באופן של בחירה חפשית,
וואס מצד דער דרגא איז נים נוגע מעשה התחתונים, ואפילו אויב
עס וועט פעלן אין זייער תומ"צ, זאגט דער אויבערשטער אז "להחליפם
באומה אחרת אי אפשר", און דעריבער זאגט מען אז "אם חטאת מה
תפעל לו", וואס דאס איז שוין דער א׳ פון אלול,

און דערביי זאגט מען אז דער תכלית איז נים אז עס זאל
אזוי בלייבן למעלה דער עילוי, נאר דאס דארף דערנאך נמשך ווערן
למטה, ובאופן של טוב הנראה והנגלה, (וואס דעריבער זעט מען אז
דער נוסח הברכה איז אלעמאל "בטוב הנראה והנגלה"), און דאס איז
דער ו׳ אין אלול, אז די המשכה קומט אראפ למטה.

און דאס זיינען די צוויי ענינים וואס מען זעט אין אלול:
דער א׳ איז דער "יבחר לנו", און דער ו׳ ווייזט אז דער ענין
ווערט נמשך למטה באופן של טוב הנראה והנגלה, ועד"ז איך דער
ענין ווי אלול איז דער חשבון אויף דעם פארגאנגענעם יאר, וואס
דאס איז מצד דעם ו׳ פון אלול, וואס דעמאלט איז נוגע יעדער פרט
ופרט, און דערנאך איז דא מצד דעם א׳ פון אלול, וואס דאס איז
ווי ער איז מהפך די אלע ענינ׳ פון חטא וכו׳,

און דאס איז מען דערנאך ממשיך אין דעם ל׳ פון אלול,
וואס ל׳ גייט אויף ספירת הבינה,- "עלמא דח[illegible]" וואס דאס
איז פארבונדן מיט תשובה, . וואס
דעריבער זעט מען אויך אז אגה"ת איז דער דריטער חלק ווארום

דער

דער ערשטער חלק רעדט זיך בעיקר וועגן אהוי"ר, וואס דאס איז ז"א, ווארום אהוי"ר איז במדות, און דערנאך אין שער היחוד והאמונה רעדט זיך בעיקר דער עיגין האמונה, וואס דאס איז במל׳, און דערנאך קומט אגה"ת - דער ענין פון תשובה - וואס איז פארבונדן מיט בינה, ולכן איז דאס דער חלק שלישי, (וואס דאס איז דער ענין הל׳, ועד"ז בנוגע לחודש אלול איז דער ל׳ פון אלול ווייזט אויף ענין התשובה,

וואס דאס איז אויך וואס מען זאגט אויף אלול "הרועה בשושנים", וואס דער דיוק בזה איז "שושנה", ווארום דאס איז אן ענין של תענוג.

ה. בנוגע צו דעם פרש"י: דאס וואס עס שטייט "וזכרת כי עבד היית גו׳", און ס׳איז משמע אז דאס איז א טעם אויף "ושמרת ועשית", און ניט אויף דעם "ושמחת", איז רש"י באווארענט עס מיט זיין פי׳ "ע"מ כן פדיתיך כו׳",

וואס באמת איז די ווערטער "(שתשמור ותעשה) את החוקים האלה", איז רש"י נאר מעתיק פון פסוק [און ס׳איז נאר צוליב טעות הבחור הזעצער וואס די ווערטער שטייען אין קליינע אותיות], און די ווערטער "ע"מ כן פדיתיך", זיינען אזוי ווי א מאמר המוסגר, ד.ה. אז כוונת רש"י בזה איז אז ס׳איז כאילו ווי אין פסוק אליין וואלט געשטאנען א נייער ענין - חוץ פון דעם וואס וזכרת איז א טעם אויף ושמחת - אז "ע"מ כן פדיתיך - צוליב "ושמרת ועשית גו׳", ד.ה. אז דער "וזכרת" קומט בהמשך צו פריער, היינו שזהו הטעם על השמחה שבחג השבועות ובחג הפסח, און דערנאך איז דער פסוק מוסיף א צווייטן ענין - אז ע"מ כן פדיתיך עס זאל זיין "ושמרת ועשית".

און דאס וואס רש"י וויל ניט אנעמען ווי די אנדערע מפרשים, אז דער טעם וואס ביי פסח שטייט ניט קיין שמחה איז ווייל ער האט נאך ניט געשניטן די תבואה, איז עס ווייל דער בן חמש האט דאך געלערנט אז יעדער מאל וואס א איד ברייננגט א קרבן דארף ער זיין בשמחה, און דאס איז ניט דוקא ווען ער האט אפגעשניטן די תבואה פון זיין שדה, נאר אפילו אין מיטן ווינטער ווען עס איז בכלל ניטא קיין תבואה, איז דא א מצוה אז ער דארף זיין בשמחה בשעת הבאת הקרבן, במילא קען מען ניט לערנען אז דער טעם וואס ביי פסח שטייט ניט קיין שמחה איז עס מצד דעם וואס עס פעלט אין די תבואה,

ועד"ז קען מען אויך ניט אנעמען דעם צווייטן פירוש פון מפרשים, אז די שמחה פון פסח לערנט מען אפ מיט א היקש פון די אנדערע יו"ט, ווארום לפי זה איז ניט פארשטאנדיק ווי קומט עס אז בסוכות שטייט יע שמחה? עס וואלט געוועו געגוג אז אין איין ארט זאל זיך דערמאנען וועגן שמחה, און פון דארטן קען מען ארויס לערנען אויף די אנדערע צוויי? און דעריבער קען רש"י ניט אנעמען ווי דער צווייטער אופן.

בנוגע צו די "יינה של תורה" אין פרש"י, איז דא זעט מען אז בשעת די תורה מאנט פון א אידן אז ער זאל זיין בשמחה, דארף עס

- זיין -